# צו צירעלע

## בן טזשאָנסאָן

## איבערגעזעצט: אַ גרופּע אין אַ וואַרשטאַט, ייִדיש-וואָך, 2019

מאַך אַ לחיים מיר בלויז מיט די אויגן
צוזאָגן וועל איך מיט מײַן בליק
לאָז איבער אַ קוש אין מײַנעם כּוס
קיין ווײַן דאַרף איך ניט קריק.

דער דורשט וואָס פֿון נשמה שטײַגט
פֿאַרלאַנגט דעם הימלס טעם,
אַפֿילו וואָס אַ מלאך טרינקט
וואָלט מיר געוואָרן סם.

ערשט דיר געשיקט אַ רויזנקראַנץ
נישט פֿאַר דײַן כּבֿודס וועגן
נאָר בלויז צוליב אַ האָפֿענונג
פֿאַרוועלקן וועט נישט מעגן.

נאָר דו אויף דעם געאָטעמט נאָר,
און מיר צוריק געשיקט
און איצט שווער איך ער וואַקסט און שמעקט
פֿון דיר, און מיך דערקוויקט.